# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נח, ד' חשון, שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 6 (576)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.....................5:39
מוצאי שב"ק.....................7:08

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.....................ישעיה ט"ז-י"ז
בבלי.....................נדרים ד'
ירושלמי.....................הוריות י"ז
תוספתא.....................פסחים ד'
רמב"ם.....................שכנים י"ד

# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב, וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ, וַיֵּדַע נֹחַ כִּי קַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ. וֶוען דִי טוֹיבֶּעלֶע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ נֹחַ מִיטְ'ן בְּלֶעטְל אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גֶעוואוּסְט אַז דִי וַואסֶער פוּנֶעם מַבּוּל הָאט שׁוֹין נָאכְגֶעלָאזְט. דִי מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי נֹחַ הָאט גֶעקֶענְט וִויסְן פוּן דֶעם בְּלֶעטְל אַז דִי וַואסֶער גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ, וְוִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דִי טוֹיבֶּעלֶע הָאט עֶס יֶעצְט אָפְּגֶעריסְן פוּנֶעם בּוֹים, אֶפְשָׁר הָאט זִי עֶס פָּשׁוּט גֶעטְרָאפְן שְׁווִימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט, מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הרה"ק מִסַאטְמַאר זצוק"ל בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן ק"נ), אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז דָאס אִיז אַן אָפֶענֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט פָארְאוֹיס גֶעזֶען וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אָפְּשְׁפִּילְן בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, אִין אוּנְזֶער שְׁוֶוערְן דוֹר, וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ גָאר שְׁטַארְק דְרַאפֶּען אוּן מוּטְשֶׁען צוּ בְּלַייבְּן בַּיי דִי פָּשׁוּטֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דָארְט אַרָאפּ דֶעם מָשָׁל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶעם (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים, סִימָן ד') פוּן אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין וַואלְד אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, אַלֶע גְרוֹיסֶע מִינִיסְטָארְן, הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין, אוּן נָאר אַ פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן וֶוען דִי רֶעגְן הָאט נָאכְגֶעלָאזְט הָאט דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן אַז דַוְקָא דֶער פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן זָאל אִים טְרָאגְן אִין פַּאלַאץ אוּן אִים אַרוֹיפְזֶעצְן אוֹיפְ'ן קֶענִיגְלִיכְן שְׁטוּל; אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, עֶס וֶועט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע מַבּוּל, אָבֶּער נִישְׁט קַיין מַבּוּל פוּן וַואסֶער נָאר אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶס וֶועט אַרַיינְשְׁפְּרִיצְן אוֹיךְ אִין דִי כָּשֵׁר'עֶ הֶערְצֶער, אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעמָאלְט, נָאר דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּשׁוּטֶערְהֵייט, מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן דָאס גְלַייכְן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם קְרוֹין אוֹיפְ'ן קָאפּ פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶעם שְׁוֶוערְן מַבּוּל, עֶס גִיסְט זִיךְ אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן אַלֶע זַייטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְפְן מִיר דָאס לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשְׁוֶועמְט פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע וַואסֶערְן, זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה.

וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? "מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים", מִיר דַארְפְן קוּקְן וְוִי אַזוֹי נֹחַ הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים מַבּוּל, אוּן דָאס נָאכְמַאכְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער מַבּוּל. נֹחַ אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה אִיז אַ קַאסְטְן, אָבֶּער "תֵּיבָה" מֵיינְט אוֹיךְ אַ "וָוארְט", דוּרְךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַ אִיד גֵייט יֶעדְן טָאג דְרַיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, זָאגְן אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאגְן תְּהִלִּים; עֶס זֶעט אוֹיס וְוִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער דַוְקָא דָאס אִיז דִי תֵּיבָה וָואס בַּאשִׁיצְט אוּנְז, דַוְקָא נָאר דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן אִינֶעם מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיּוֹת, דִי בְּלֶעטֶער פוּנֶעם סִידוּר'ל; וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי בְּלֶעטֶעלֶעךְ אִין מוֹיל, דֶעמָאלְט לָאזְט נָאךְ דֶער מַבּוּל, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם מַבּוּל. דָאס קֶען מֶען אָבֶּער בַּאקוּמֶען דוּרְכְ'ן צַדִּיק, דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אוּנְז דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וְוִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג, צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז, וֶוען נֹחַ הָאט גֶעזֶען וְוִי דִי טוֹיבֶּעלֶע, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ טוֹיבֶּעלֶע (שַׁבָּת מ"ט.), וְוִי זִי קוּמְט צוּ פְלִיעֶן מִיט אַ בְּלֶעטֶעלֶע אִין מוֹיל, מִיט דִי פָּשׁוּטֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס הָאט זִי נִישְׁט גֶעטְרָאפְן סְתָם אַרוּמְשְׁווִימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער, דָאס הָאט זִי זִיכֶער בַּאקוּמֶען פוּן אַ בּוֹים, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן נ"ב) "עֵץ דָא צַדִּיק". וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דוּרְךְ דֶעם גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם מַבּוּל, אוּן דַאן הָאט נֹחַ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שְׁוֶוערֶע וַואסֶערְן פוּנֶעם מַבּוּל הָאבְּן שׁוֹין זִיכֶער נָאכְגֶעלָאזְט, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ר"כ), "אִיךְ וֵוייס אַז מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה, בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא".

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן אִיבֶּערְקוּמֶען דֶעם שְׁוֶוערְן מַבּוּל וָואס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, מִיר וֶועלְן קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט וָואס יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז וַוייזְן דֶעם וֶועג וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּרְכְ'ן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת אוּן פַּשְׁטוּת.

(אשר היה אל יואל, פרשת נח תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## וֶוער אִיז מֶער מַצְלִיחַ?

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה; עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט צְוֵויי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן סְחוֹרוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי פְלֶעגְט עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיבְּן אַזֵייגֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אָפְן וְוִי לֶענְגֶער אוּן מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי אוּן אָפְּכַאפְּן דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן עֶפֶענֶען דָאס גֶעשֶׁעפְט, נִיטְאַמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ, עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט רוּאִיג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים נָאכְן דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז אָפְן אַסַאךְ פְרִיעֶר אוּן אַלֶע קוּנְדְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אֵיידֶער דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט. בִּיז אֵיין טָאג...

אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַ

<<<<<<

# א גוטווארט

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס וֶועגְן חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה אוּן נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶרֶע שְׂמְחוֹת. אֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס פֶעלְט אוֹיס אַזוֹי סַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, הָאב אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי בְּרֶענְג מִיר אֵיינֶעם וָואס הַאלְט שׁוֹין נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן צְוֵויי דְרַיי קִינְדֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין דָאלֶער חוֹבוֹת... אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, אִיךְ רֶעד פוּן דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, בָּרוּךְ ה' אִיךְ הַאלְט נָאכְן חֲתוּנָה מַאכְן דְרַיי קִינְדֶער אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר קֵיינֶעם, נָאר וַוייל אִיךְ פָאלְג מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ מַאךְ פָּשׁוּטֶ'ע שְׂמְחוֹת, אִיךְ מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ. דֶערִיבֶּער רֶעד אִיךְ צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי סַאךְ פוּן דֶעם, וַוייל אִיךְ ווִיל עֶנְק זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְן אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה חוֹבוֹת".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ג)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַז דוּ ווילְסְט, קֶענְסְטוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז גַנְבְ׳נֶען אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קח.): "בּוֹא וּרְאֵה כַּמָּה גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל חָמָס, שֶׁהֲרֵי דּוֹר הַמַּבּוּל עָבְרוּ עַל הַכֹּל וְלֹא נֶחְתַּם עֲלֵיהֶם גְּזַר דִּינָם עַד שֶׁפָּשְׁטוּ יְדֵיהֶם בְּגֶזֶל", בַּיים דוֹר הַמַּבּוּל הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער דִי גְזֵירָה פוּן פַארְלֶענְדְן דֶעם גַאנְצְן דוֹר דוּרְךְ דֶעם מַבּוּל הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶע׳חַתְמְ׳עט נָאר נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה פוּן גַנְבְ׳נֶען, אַזוֹי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן גַנְבְ׳נֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת גְּנֵיבָה וּגְזֵילָה, סִימָן א): "מִי שֶׁנִּפְתָּה לִבּוֹ לִגְזֹל וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵלַת חֲבֵרוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן, וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה", וֶוער עֶס גַנְבְ׳עט אִיז נִישְׁט דָא קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אִים מַאכְן אוֹיפְהֶערְן גַנְבְ׳נֶען; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז גַנְבְ׳נֶען אַזוֹי הַארְבּ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן וֶועג? וַוייל מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (בָּבָא קַמָּא עט:): דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מִפְּנֵי מַה הֶחֱמִירָה תּוֹרָה בְּגַנָּב יוֹתֵר מִגַּזְלָן?" פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה מֶער מַחְמִיר גֶעוֶוען וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶע׳גַנְבְ׳ט אַז עֶר דַארְף בַּאצָאלְן דָאפֶּעלְט ווִי בַּיי אֵיינֶער וָואס גַזְלְ׳ט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ, וְזֶה לֹא הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ", דֶער וָואס גַנְבְ׳ט בַּאהַאלְט זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶען, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז אַ כּוֹפֵר בְּעִיקָר, וַוייל וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, עֶר זֶעט אַלֶעס אוּן הֶערְט אַלֶעס, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וָואלְט עֶר זִיכֶער נִישְׁט גֶע׳גַנְבְ׳ט פוּן רוֹב פַּחַד אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק אַז יָארְן צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד בִּין אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס פוּן כִּיתָּה שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים בִּזְמַן הַלִּימוּד, בְּשָׁעַת וָואס מְלַמְּדִים פְלֶעגְן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן אִין שְׁמוּעֶסְן אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער; דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ב׳ מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ד): "מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִּיחַ אֶת הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא, אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן, אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּתַלְמוּדָן - הֲרֵי הוּא בִּכְלַל 'אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה׳ רְמִיָּה' (יִרְמְיָהוּ מח, י); אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן גֶעמַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן בִּזְמַן הַלִּימוּד, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט הַייזֶער וְכוּ׳, דָאס אִיז רִיכְטִיג גְנֵיבָה וּגְזֵילָה. וַוייל אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט אִין דִי צַייט וָואס זֵיי דַארְפְן זַיין אִין כִּיתָּה - גֶעהֶערְט פַאר דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט זֵייעֶר׳ס; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִיר, אַלֶעס וָואס דוּ קוֹיפְסְט אִין דִי צַייט וָואס דוּ אַרְבֶּעסְט פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת גֶעהֶערְט פַאר אִים אוּן אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט מַרְוִיחַ דֶערְפוּן אִיז גְנֵיבָה.

זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וְכוּ׳, זָאג אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט; אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן ווִי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה? אוֹיבּ מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים ווִי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "דוּ הָאסְט אַ בְּחִירָה", עֶס אִיז דָאךְ אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן אַ גֶעווֹאוֹינְהֵייט! הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קי): "אוֹיבּ מֶען ווִיל טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט"; שְׁרַייבְּט ר׳ נָתָן (שָׁם): אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְפֶערְט, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, זֵיי פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא: "ווִי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ בְּחִירָה, וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן מַיין גֶעווֹאוֹינְהֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן?" דֶערְפַאר מֵיינֶען זֵיי אַז עֶס אִיז טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

זֶע צוּ טוּן דַיין אַרְבֶּעט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועט דִיר גוּט זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשע"ח)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גָאר טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פוּן דִי סְחוֹרָה, אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט גָאר פְרִי, אַזוֹי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען לוֹיפְן צוּ אִים קוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה.

דֶער פָּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נֵייעֶ טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאדִינֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער בַּאדִינֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער פָּרִיץ בֶּעט אִים אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּ זֶען אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ קוֹיפְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

צוּפִיל בְּרֵירוֹת הָאט דֶער אִיד נִישְׁט גֶעהַאט, דֶעם פָּרִיץ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּזָאגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דָאס גֶעשֶׁעפְט אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם פָּרִיץ. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעמוּזְט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט בַּיים פָּרִיץ, דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַחְלִיט זַיין וָואס עֶר ווִיל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ, דִי פָּרִיצְ׳טֶע, אָבֶער זִי הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּנְקְטְלִיךְ וָואס זִי ווִיל, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן וָואס צוּ נֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז פַארְנַאכְטְס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאטְ׳ס מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט שׁוֹין אִינְצְווִישְׁן גֶעעֶפְנְט, אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, מֶען הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים פָּרִיץ דִי גַאנְצֶע טָאג, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְן פָּרִיץ אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיים גֵיין מִיט גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, דַוְקָא דֶער צְוֵוייטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאר מֶער פַארְדִינְט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ "בִּטָּחוֹן")

<<<<<< נייעס

די שווערסטע נסיונות.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה צוגעברענגט א שטיקל פון חיי מוהר"ן איבערן מאמר חז"ל "כל העוסק בבנין מסמסכן" דער וואס בויעט הייזער ווערט ארעם, זאגט דער רבי אז דורך מצוות סוכה ווערט מען גראטעוועט. האט דער ר"י געזאגט, ווייל סוכה איז אמונה, און אז מ׳גייט מיט׳ן אייבערשטן וועט גארנישט שאטן.

### הושענא רבה

מוצאי שבת קודש נאכ׳ן זמן האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א בלאט גמרא, שפעטער איז מען צוריק געקומען צו ליינען משנה תורה, און דערנאך איז פארגעקומען א סעודה אין די סוכה לכבוד הושענא רבה, מען האט געזינגען די זמירות למוצאי שבת, און נאך שיינע ווארעמע ניגונים, און דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט עטליכע ווערטער בקיצור איבער די גרויסקייט פון דעם הייליגן טאג הושענא רבה.

נאך ברכת המזון איז דער גאנצער ציבור צוריק ארויפגעגאנגען אין שול, וואו מען האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים אינאיינעם.

גרויס התעוררות האט געהערשט אין בית המדרש הושענא רבה אינדערפרי, ביי די תפלות, הלל, נענועים, און הושענות, פאר יעדע הושענות האט דער ראש ישיבה גערעדט דברי התעוררות. ער האט אסאך ארומגערעדט אז דער עיקר דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך אלץ האלטן ביי די אמונה, קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן, און זיך האלטן ביי צדיקים און ערליכע אידן, פאלגן וואס זיי זאגן, און אזוי וועט מען שוין האבן אלע גוטע זאכן וואס מען דארף. דאס וואס מיר זענען געבליבן ערליכע אידן, מיר קומען אין שול, מיר עסן אין די סוכה, און מיר שאקלען לולב, איז נאר ווייל אונזערע עלטערן און זיידעס האבן געפאלגט די צדיקים מיט תמימות. דער ראש ישיבה האט געבעטן די פרויען מען זאל גיין צניעות׳דיג "צניעות איז שיין" האט דער ראש ישיבה געזאגט. אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט מ׳זאל בלייבן מיט׳ן לולב, דאס מיינט מיט אמונה, א גאנץ יאר, און נישט חס ושלום אריינברענגען אין שטוב די כלים וואס מ׳קען זען דערויף ווידיאס אדער האט אינטערנעט.

די הלל, הושענות, און דרשות פון הושענא רבה, קען מען אויך הערן אויפ׳ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

### צווייטע טעג

די הקפות שמיני עצרת ביינאכט זענען אפגעראכטן געווארן מיט גרויס פרייד, דער עולם האט געטאנצן זייער לעבעדיג, געדאנקט דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען צו לערנען תורה די גאנצע יאר און זיך פארגענומען אויף ווייטער קיינמאל נישט אפצולאזן די הייליגע תורה. צווישן די הקפות האט דער ראש ישיבה שליט"א צוזאמגענומען אלע קינדער אינמיטן שול, מיט די באגלייטונג פון די געטרייע מלמדים, מען האט געזינגען שיינע ווארעמע ניגונים אינאיינעם, ניגונים וואס בעטן זיך ביים אייבערשטן מען זאל אלעמאל בלייבן נאנט צו אים, און מען האט אויסגעטיילט גוטע זאכן פאר די קינדער וואס האבן שיין מיטגעזינגען.

שמיני עצרת אינדערפרי ביים קידוש האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די גרויסע פרייד וואס מען פריידט זיך מיט די הייליגע תורה ביי די הקפות, מען האט זוכה געווען צו לערנען יעדע וואך די פרשת השבוע, און נאך פילע שיעורים וואס יעדער האט געלערנט במשך דעם יאר, מיר האבן דעם דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן, וואס ער האט אונז געגעבן א וועג ווי אזוי יעדער איד אן אויסנאם קען לערנען תורה יעדן טאג. אויך האט מען ארומגערעדט עצות פאר אינגעלייט וואס בלוטיגן, מען מיינט אז מען מוז אנטון די

<<<<<<

<<<<<< נייעס

קינדער מיט טייערע בגדים, מען טרונקט זיך אין שווערע חובות, ווי אזוי מען קען אויסשטעלן דאס לעבן אויפ'ן ריכטיגן וועג.

נאכמיטאג נאך מנחה איז מען אראפגעגאנגען אין די סוכה זיך געזעגענען פון די הייליגע סוכה, דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט איבער דעם וואס אסאך מענשטן שפירן זיך אראפגעקלאפט נאך נאך יום טוב, מען האט אפגעראכטן אזא שיינעם חודש תשרי, אזעלכע שיינע הייליגע און פרייליכע טעג, און יעצט גייט מען צוריק צום וואכנדיגן סדר היום, וואס האט מען געהאט פונעם גאנצן יום טוב? אבער דער רבי לערנט אונז אויס אז יעדן טאג איז סוכות שמחת תורה פסח און פורים, דער ראש ישיבה האט אויסגעלערנט א וועג ווי אזוי מיטצונעמען דעם יום טוב אויף די גאנצע יאר, מען קען און מען דארף לעבן מיט'ן אייבערשטן די גאנצע יאר.

שמחת תורה ביינאכט איז ווידער אפגעראכטן געווארן גאר שיינע און לעבעדיגע הקפות פאר לאנגע שעות, און ווידער מיט שיינע ווארעמע ניגונים צווישן די הקפות, בפרט די אידישע ניגונים וואס ברענגט ארויס די בענקשאפט פון אידן צום אייבערשטן, און די גרויסקייט פון לערנען די הייליגע תורה. און די זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט שמחת תורה אינדערפרי. דער ראש ישיבה שליט"א האט כסדר מעורר געווען דעם עולם צו טאנצן און זיך פרייען מיט די הייליגע תורה, "א גאנץ ווינטער וועט מען קענען שמועסן, יעצט קומטס טאנצן מיט די תורה!", דער ראש ישיבה שליט"א האט מחזק געווען דעם ציבור אז אין די צייט וואס מען טאנצט הקפות פארטרייבט מען דעם ס"מ, יעצט איז די צייט זיך צו פרייען מיט די הייליגע תורה, זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן אלעס וואס מען דארף, און דער עיקר בעטן אז מען זאל נישט אפלאזן דעם אייבערשטן קיינמאל, אויף קיין שום פאל.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך גערעדט פאר יעדע הקפה, וואס צו בעטן ביי די הקפה, לויט ווי מען זאגט ביי די לשם יחוד'ס און די תפלות ביי יעדע הקפה, ביי די ערשטע הקפה האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון חסד און הפצה, איבערגעבן די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן פאר נאך אידן, וואס דאס איז די גרעסטע סארט חסד. ביי די צווייטע הקפה, מדת הגבורה, האט מען גערעדט פון זיך שטארקן איבער'ן יצר הרע, וואס דאס קען א מענטש נישט טון אליין, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, אלמלא הקב"ה עוזרו לא יכול לו. ביי די דריטע און פינפטע הקפה, תפארת און הוד, האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך גערעדט איבער שיינקייט, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל וויסן וואס איז אמת'דיג שיין, נאר וואס דער אייבערשטער לאזט איז שיין, נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך וואס עס הייסט שיין ביי די גוים, דער ראש ישיבה האט ספעציעל גערעדט וועגן שניידן די בארד, און צניעות ביי פרויען, און נאך. ביי די פערטע הקפה האט מען גערעדט פון די מדה פון נצח, דאס איז די מדה פון הייליגן רבי'ן וואס האט געזאגט "ניצחתי ואנצח, איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן", לכאורה הערט זיך עס ווי א סתירה, אויב האט מען שוין אויסגעפירט, וואס איז שייך נאכאלץ אויסצופירן? דאס איז אבער די וועג ווי א איד גייט, ער פרובירט יעדן טאג נאכאמאל פון פריש צו מנצח זיין דעם יצר הרע, און ווי לאנג דער איד געבט נישט אויף, ער פרובירט נאכאמאל און נאכאמאל, דאס הייסט אז ער האט אויסגעפירט, דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז. ביי די זעקסטע הקפה האט מען גערעדט פון יוסף הצדיק, מדת היסוד, זיך האלטן הייליג און ערליך, און דאס קען מען נאר באוייזן דורכ'ן בעטן אסאך דעם אייבערשטן, און מיט די כח פון די הייליגע תורה, יעצט אום שמחת תורה איז די צייט זיך פארצונעמען צו לערנען תורה יעדן טאג פון יאר, און דורך דעם גראטעווועט ווערן פונעם שלעכטן יצר הרע. ביי די זיבעטע הקפה האט מען ארומגערעדט פון דוד מלכא משיחא, ווי אזוי ער האט געלעבט מיט'ן אייבערשטן, יעדע זאך געבעטן און געלויבט דעם אייבערשטן, וואס דעם איז געווארן דער הייליגער ספר תהלים, און דאס דארפן מיר אויך נאכמאכן, זיך אויסשמועסן אלעמאל דאס הארץ מיט'ן אייבערשטן.

נאכמיטאג נעילת החג איז דער ראש ישיבה געווען הייזעריג און זיך געקענט רעדן, דער ראש ישיבה האט געהייסן אויסרופן אז די נעילת החג דרשה וועט זיין בעז"ה ביים ליל שישי שיעור דאנערשטאג בראשית, און אזוי איז טאקע געווען, ביים ליל שישי שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א גאר שטארק ארומגערעדט ווי אזוי מען נעמט מיט דעם יום טוב אויף די גאנצע יאר, מען קען הערן דעם שיעור אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר.

**מי שלא ראה שמחה זו, לא ראה שמחה מימיו!**

***

# אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם שלש סעודות אין ספרינג וואלי

שוין לאנגע יארן וואס עס גייט אן די בית המדרש היכל הקודש אין מאנסי, אנגעפירט דורכ'ן חשובן גבאי מו"ה חיים דוד ראזענבערג שליט"א, א פלאץ פאר אנשי שלומינו און פאר אלע אידן צו קומען זיך מחזק זיין מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן. דער בית המדרש געפונט זיך אויף **32 Dolson Rd.**, און איז א תל תלפיות פאר די גאנצע אומגעגנט, מיט אלע תפלות אום שבת קודש.

אזוי ווי מאנסי איז אבער גאר א גרויסע שטאט, נישט יעדער קען אנקומען צום בית המדרש, האט מען זיך אנגעהויבן צוזאמקומען אויף שלש סעודות אויך אין ספרינג וואלי געגנט, אין שטוב פון מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו, אויף **8 Collins ave.**, מען קומט זיך צוזאם נאך מנחה, 40 מינוט נאכ'ן זמן הדלקת הנירות.

ביי שלש סעודות רעדט מען גאר שיינע דיבורים, די הערליכע לימודים וואס דער ראש ישיבה שליט"א געבט אונז איבער פון הייליגן רבי'ן, און מען באקומט פרישע חיזוק און הדרכה פאר די גאנצע קומענדיגע וואך. פאר מער אינפארמאציע קען מען זיך פארבינדען אויף 845-445-9314.

**חדו השתא בהאי שעתא דביה רעוא דרעוין ולית זעפין!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# ס'שְׁטֶערְט מִיר דָאס קֵייעֶן הוֹיךְ, וָואס טוּ אִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הֶערְן וִוי אַזוֹי אַ צְוֵוייטֶער עֶסְט. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן עֶסְן מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל אוּן עֶס מַאכְט אַ גֶערוּדֶער וָואס מַאכְט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ נֶערְוֶועז. אִיךְ הָאב אַמָאל גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אֲפִילוּ דָא אַ נָאמֶען אוֹיף דֶעם פְּרָאבְּלֶעם...

מַיין עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מַיין וַוייבּ מַאכְט אוֹיךְ אַ גֶערוּדֶער בַּיים עֶסְן אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ דַארְף אַסַאךְ מָאל אַוֶועקְגֵיין פוּן טִישׁ צוּלִיבּ דֶעם. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט: "אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם"; אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן דִי פְּרָאבְּלֶעם וֶועלְן נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם", זֵיי וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן: "מַיין וַוייבּ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם זִי עֶסְט הוֹיךְ", "מַיין מַאן הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם עֶר קֵייט הוֹיךְ"; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אוּן מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט דִי אַרוּמִיגֶע.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיר צוּ הֶערְן יֶענֶעם עֶסְן אוֹיפְ'ן קוֹל, אַזוֹי וֶועט זִי פְּרוּבִּירְן צוּ עֶסְן שְׁטִיל, זִי וֶועט פַארְמַאכְן אִיר מוֹיל בַּיים קֵייעֶן, אוּן אַזוֹי וֶועט זִי נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוערְן וֶוען דוּ גֵייסְט אַוֶועק פוּן טִישׁ וֶוען זִי עֶסְט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים – וֶועסְטוּ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן. דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען בַּאקוּמְט אַ נֵייעֶ קָאפּ, אַ נֵייעֶ שֵׂכֶל, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִמְיוֹן. זַאכְן וָואס פְלֶעגְן שְׁטֶערְן – שְׁטֶערְט מֶער נִישְׁט, זַאכְן וָואס פְלֶעגְט נֶערְוֶועז מַאכְן – מַאכְט שׁוֹין נִישְׁט נֶערְוֶועז; עֶס אִיז וואוּנְדֶערְלִיךְ וִוי דָאס הֵיילְט אוֹיס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאכְן. תְּפִילָה וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם טָאג נָאךְ טָאג – וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאכְן.

**אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנג)

**תקנ**

צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי פְלוּצְלִינְג גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט שַׁארִיגְרַאד, אַ וַוייטְקֵייט פוּן אוּמְגֶעפֶער 28 קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. דִי רֵייזֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט, בְּפַשְׁטוּת הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם פְּשַׁט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי זָאל אַהִינְפָארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר צְוֵויי וָואכְן. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי פְלוּצְלִינְג אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אַנְטְלוֹיפְט וִוי פוּן פֵייעֶר, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דָארְט אַסַאךְ מָאל אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן גְרוֹיסֶע שְׂרֵיפוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דִי אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן שַׁארִיגְרַאד זָאלְן נָאר וִויסְן דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעטוּן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶס פִיל בֶּעסֶער פַאר זֵיי וִוי עִפּוּשׁ", מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן, הָאט עֶר זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי עִפּוּשׁ קְרֶענְק, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל (בַּמִּדְבָּר ל"ג, א'), וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין כָאטְשׁ אַבִּיסְל פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפֶע סוֹדוֹת וָואס אִיז גֶעלִיגְן אִין דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע נְסִיעוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס בְּפַשְׁטוּת הָאט מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# שיינע יום טוב סוכות מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א אין וויליאמסבורג

גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו בצל הקודש פונעם ראש ישיבה שליט״א, ווען מיר האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט אונז באגלייטן אויפ׳ן גאנצן יאר.

עס איז נישט מעגליך אראפצושרייבן אויפ׳ן פאפיר די געפילן פון הארץ פון די אלע וואס האט מיטגעלעבט דעם יום טוב מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א, מיר וועלן פרובירן אבער אין קורצן איבערצוגעבן ווי אזוי דער יום טוב איז אריבער, און אביסל פון וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן און מקבל זיין פונעם ראש ישיבה שליט״א.

### ערשטע טעג יום טוב

די ערשטע טעג יום טוב זענען אריבער מיט גאר געהויבנקייט מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א אין וויליאמסבורג, ביידע טעג האט דער ראש ישיבה שליט״א געדאווענט שחרית פאר׳ן עמוד מיט גרויס התעוררות און געשמאק, די הלל נענועים און די הושענות זענען געווען גאר דערהויבן.

אינדערפרי פאר׳ן דאווענען האט דער ר״י פארגעלערנט אין זוהר הקדוש וואו ער האלט יעצט (פרשת חיי שרה), ווי מען רעדט ווי יצחק האט חתונה געהאט מיט רבקה, דער זוהר הקדוש פרעגט פארוואס שטייט נאר ביי יצחק "ויאהבה", ער האט איר ליב געהאט? דאס איז וויבאלד יצחק האט געדינט דעם אייבערשטן מיט מדת הגבורה, האט דער אייבערשטער ארויסגעשריבן בפירוש אז ער האט איר ליב געהאט, ווייל אפילו מ׳דינט דעם אייבערשטן מיט גבורה, אבער שלום בית מוז צוגיין מיט אהבה.

נאכ׳ן דאווענען איז צוגעשטעלט געווארן א ברייטע קידוש אין די שיינע סוכה אין הויף פון די שול, דער ראש ישיבה שליט״א האט גערעדט גאר שיינע דברי התחזקות לכבוד יום טוב. דער ראש ישיבה שליט״א האט גערעדט פונעם הייליגן זוהר וואס שרייבט אז אברהם אבינו געהאט א בוים און נאר ווער ס׳איז געווען ראוי האט די בוים אים געמאכט א שאטן, ווער עס איז נישט געווען ראוי איז דער בוים געווען אוועקגעדרייט פון אים, האט דער ראש ישיבה זיך געשטעלט אויף דעם, אברהם אבינו האט דאך מקרב געווען יעדן איינעם, ער האט אויסגעלערנט פאר יעדן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, קומט אויס אז ווען די מענטשן זענען אנגעקומען זענען זיי נאך געווען ווייט פונעם אייבערשטן, וואס איז שייך צו זאגן אז ער איז יא ראוי אדער נישט? נאר איין זאך האבן די מענטשן יא געדארפט טון, זיי האבן געדארפט זיך אונטערבייגן און אויסהערן דעם צדיק, אויב זייער פנים איז נישט געווען אויסגעדרייט צום צדיק, וואס ווערט גערופן ׳בוים׳, האבן זיי נישט געקענט מקבל זיין פון אברהם אבינו. דער ראש ישיבה שליט״א האט ווייטער ארומגערעדט פון די הפצה פון אברהם אבינו, זיין געצעלט מיט פיר טירן וואו ער האט יעדן שיין אויפגענומען און געגעבן צו עסן, און אויף דעם וועג האט ער יעדן מקרב געווען צום אייבערשטן.

דעם צווייטן טאג נאכ׳ן דאווענעןביים קידוש אין סוכה, האט דער ראש ישיבה געפרעגט פארוואס ווערט עקידת יצחק גערופן אברהם אבינו׳ס נסיון? פארוואס הייבט זיך אן שמחת בית השואבה פונקט ביי אושפיזא דיצחק? און פארוואס פונקט ביי יצחק שטייט ויאהבה? נאר ווי באקאנט איז יצחק געווען מדת גבורה, דאס מיינט אלעס אוועקגעבן פאר׳ן אייבערשטן, זיך שחט׳ן פאר׳ן אייבערשטן, דערפאר האט ער נישט געהאט אזא שווערע נסיון ביים עקידה, אבער אברהם וואס האט געדינט דעם אייבערשטן מיט "חסד", איז פאר אים געווען א שווערערע נסיון צו שחט׳ן זיין קינד. און טאקע דערפאר הויבט זיך די שמחת בית השואבה אין די אושפיזא דיצחק, ווייל פאר יצחק וואס דינט דעם אייבערשטן מיט גבורה, איז א גרעסערע קונץ צו זיין פרייליך, און דעריבער שטייט ביי יצחק ויאהבה. מענטשן מיינען אז די מאן און ווייב דארפן טראכטן די זעלבע, דער אמת איז אבער אז שלום בית איז דווקא ווען מען איז פארקערט, ווייל אפילו מיט מידת גבורה קען מען האבן שלום בית, דער קונץ איז אז צוויי מענטשן וואס טראכטן אנדערש זאלן זיך קענען אויסקומען צווישן זיך, מוותר זיין איינער פאר׳ן צווייטן, דאס איז אמת׳ע שלום און דאס איז די שענסטע און הייליגסטע זאך.

### יארצייט פון הייליגן רבי׳ן

מיטוואך נאכט, ח״י תשרי, איז פארגעקומען די סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי׳ן. די סעודה איז פארגעקומען אין די גרויסע סוכה קעגן איבער דעם בית המדרש.

א גרויסער ציבור איז זיך צוזאמגעקומען לכבוד די יארצייט, מען האט זיך געוואשן צו א ברייטע סעודה, מ׳האט געזינגען דעם שיר ידידות וואס רבי יצחק ברייטער זצ״ל האט מחבר געווען, וואס ברענגט ארויס די גרויסקייט פון הייליגן רבי׳ן, און נאך שיינעווארעמע ניגונים.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע שמועס איבער די גרויסקייט פון הייליגן רבי׳ן, וואס דער רבי לערנט אונז און וואס דער רבי געבט אונז, דער ראש ישיבה שליט״א האט אויך גערעדט אסאך פון הפצה, א מענטש וואס ווייסט ביי זיך וויפיל דער רבי האט אים געהאלפן אין לעבן, דארף עס זען איבערצוגעבן אויך פאר נאך אידן, זיי זאלן אויך געהאלפן ווערן, מענטשן פרעגן וואס מ׳זאל זיך אונטערנעמען פאר׳ן קומענדיגן יאר, איך לערן שוין חומש רש״י, זאל איך צולייגן אור החיים הקדוש? רמב״ן? האט דער ראש ישיבה געזאגט, לייג צו נאך א איד אז יענער זאל אויך לערנען חומש רש״י, מאך הפצה, און נאך א איד זאל וויסן אז מען קען לערנען יעדן טאג אביסל. מען קען הערן דעם גאנצן הערליכן שיעור אויפ׳ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

נאך ברכת המזון האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, מען האט געטאנצן ביז שפעט אין די נאכט לכבוד שמחת בית השואבה.

### חול המועד

אין די טעג פון חול המועד איז מען זיך צוזאמגעקומען יעדן טאג צו שחרית, דער ראש ישיבה שליט״א האט געדאווענט הלל און הושענות פאר׳ן עמוד, מיט גרויס געשמאק און דערהויבנקייט.

נאכ׳ן דאווענען איז געווען יעדן טאג א סעודה אין די סוכה, דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט גאר שיינע דברי התחזקות. מען קען הערן די אלע שיינע שיעורים פון חול המועד אויף די "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

### שבת חול המועד

ביים באטע ביים ראש ישיבה אין די סוכה נאך די סעודה פרייטאג צו נאכטס, זענען זיך צוזאמגעקומען אינגעלייט און בחורים אנשי שלומינו, איין בחור איז ארויפגעקומען און דערציילט אז ער האט נישט געהאט וואו צו עסן די סעודה און ער איז געגאנגען עסן ביי רבי ישעי׳לעס קאך, אבער למעשה איז נישט געווען קיין גרויסע זאכן צו עסן און ער איז געווען צובראכן דערפון, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט, "איך האב נישט קיין רחמנות אויף דיר. דו האסט דעם רבי׳ן! אנדערע האבן פיינע פיש פלייש קאמפאט און אפילו אייז-קרעים, אבער זיי האבן נישט דעם רבי׳ן, אויף זיי האב איך רחמנות; די פארפאסטע סעודה וועט אריבערגיין"...

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די הושענות פון שבת וואס מ׳זאגט דארט אינצווישן "הושענא יושבת וממתנת עד כלות שבת", אלע פרעגן מ׳בעט דעם אייבערשטן געהאלפן צו ווערן אין זכות וואס אידןווארטן אז דער שבת קודש זאל זיך שוין ענדיגן?! דאס איז דען א זכות? אבער דער תירוץ איז פשוט, א איד וויל רייכערן, ער וויל אנצינדן דעם עירקאנדישן, אדער טון אנדערע מלאכות וואס איז אים וויכטיג אויף די מינוט, אבער ער ווארט, יעצט איז שבת, איך וועל אויסווארטן דעם זמן נאכדעם וועל איך טון אלע מלאכות. דאס איז די שיינקייט פון א איד.

שבת קודש נאכ׳ן דאווענען ביים קידוש אין די סוכה האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער דעם אז מ׳דארף זיך פרייען מיט יעדע קלייניקייט וואס מ׳טוט פאר׳ן אייבערשטן, ווי מ׳זעט אין די הושענות פון שבת "אום נצורה", מ׳בעט אין זכות וואס אידן וואס היטן שבת, אבער מעו רעכנט אויס באזונדער יעדע קלייניקייט וואס מען טוט אום שבת, אין זכות פון היטן אויפ׳ן תחום שבת, אין זכות פון עסן סעודת שבת, און אזוי ווייטער, מ׳קען זיך פרייען מיט יעדע קליינע זאך וואס מ׳טוט פאר׳ן אייבערשטן.

דערנאך האט ראש ישיבה שליט״א גערעדט איבער די אושפיזא פון יוסף הצדיק, ווי אזוי האט יוסף הצדיק געקענט ביישטיין די שווערע נסיונות אין מצרים? ויהי ה׳ את יוסף, ער איז געווען איין שטיק התבודדות ותפלה, ווי עס שטייט אז פוטיפר זיין בעל הבית האט געזען ווי זיין מויל שאקלט זיך א גאנצן צייט, און נאר אזוי קען מען גראטעוועט ווערן פון

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **יהושע ראבינאוויטש** שליט״א

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים, ירושלים עיה״ק

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו״ה **חיים דוד ראזענבערג** שליט״א

גבאי בית המדרש היכל הקודש מאנסי

צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב

***

מו״ה **ברוך מרדכי פעקעטע** הי״ו

צו די אפשערן פון שרגא שמואל נ״י למזל טוב

## גמרא - גרינג און געשמאק

א בלאט גמרא א טאג, פארגעלערנט גרינג מיט טעם און געשמאק, כאפט אייך מיט און איר וועט זיך ממש מחיה זיין

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 7

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע״י מו״ה אברהם צוויבל הי״ו להצלחה בכל העניינים